# עלי ההגהה

## דשיחות

## ש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אדר, ה'תשמ"ז

•

יוצא-לאור לש"פ משפטים, מבה"ח אד"ר, ה'תשפ"ב

בפעם הראשונה

יוצא לאור על ידי מערכת
**"מפתח"**

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

**MAFTEIACH**

www.Mafteiach.app

נסדר והוכן לדפוס ע״י מנחם מענדל בן פריידא מלכה ושלום דובער בן רבקה

# פתח דבר

לקראת ש"פ משפטים, מבה"ח אד"ר – הננו בזה מוציאים לאור צילום כתי"ק עלי־ההגהה המלאים דשיחת ש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אד"ר, פ' שקלים ה'תשמ"ז.

*

קונטרס זה יוצא לאור ע"י מערכת "מפתח". אפליקציית "מפתח" הינו מיזם שמטרתו לרכז במקום אחד את האודיו, הוידיאו, ההנחות הבלתי־מוגהות והמוגהות – לכל שיחה והתועדות של הרבי. הקונטרס הוא התשעה עשר בסדרת "הגהות", ובעז"ה יופיעו קונטרסים נוספים בקרוב.

וכאן המקום לבקש בבקשה כפולה ומכופלת, שכל מי שיש תח"י הגהות כ"ק אדמו"ר שליט"א בשיחות ומאמרים – שיואיל להמציאם למערכת, ע"מ לזכות בהם את הרבים.

* * *

והעיקר – יהי רצון שנזכה זיך זעהן מיטן רבי'ן, ולשמוע "תורה חדשה" תיכף ומיד ממש!

מערכת „מפתח"

ועש"ק פ' משפטים, ה'תשפ"ב

ברוקלין, נ.י.

בס"ד. משיחות ש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אדר, שקלים, ה'תשמ"ז.

א. שבת מברכים חודש אדר צייכנט זיך אויס פון אנדערע שבתים פון יאר מיט צוויי זאכן:

א) ער בענטשט חודש אדר, וואס זיין כללות'דיקער אינהאלט איז – חג הפורים. נאכמער: דער נס פורים האט א ווירקונג אויף דעם גאנצן חודש (אנהויבנדיק פון ראש חודש אדר), ווי עס שטייט[1] "החודש אשר נהפך להם".

ב) מערסטע יארן (ווי היי-יאר) לייענט מען דעמולט פרשת שקלים[2]. ווארום אין דער צייט פון בית המקדש איז יעדער איד געווען מחוייב געבן יעדן יאר א מחצית השקל פאר די קרבנות ציבור[3], און "באחד באדר משמיעין על השקלים"[4], דעריבער האט מען געלייענט פרשת שקלים, כדי מודיע זיין צו ברענגען די שקלים. און אלס זכר למקדש איז אזוי אויך געבליבן בזמן הזה[5], אז מ'לייענט פ' שקלים בשבת מברכים אדר.

ולהוסיף, אז אויך דער עצם ענין פון נתינת מחצית השקל איז פאראן בזמן הזה (אע"פ וואס דער ציווי איז בעיקר בזמן שבית המקדש הי' קיים[6]) – ווי מנהג ישראל[7] "ליתן קודם פורים מחצית מן המטבע הקבוע באותו מקום ובאותו זמן, זכר למחצית השקל שהיו נותנין באדר"[8].

און די צוויי ענינים אין שבת מברכים אדר איז נאך שטארקער אונטערשטראכן היינטיקן יאר – ווען שבת מברכים אדר איז "מחר חודש", ד.ה. אז פון שבת גייט מען גלייך אריין אין (מוצאי שבת) – ראש חודש אדר. און נאכמער: שוין בתפלת מנחה פון שבת זאגט מען ניט קיין "צדקתך צדק"[9] ווייל מחר חודש. און נאך פריער – זאגט מען אין דער הפטרה די (צוויי) פסוקים פון הפטרת מחר חודש. באוייזט עס, אז שוין אין דעם שבת פ' שקלים, הויבט זיך אן ראש חודש אדר.

ב. די צוויי אויבנדערמאנטע זאכן בשבת מברכים אדר (פורים און פרשת שקלים) – האבן צווישן זיך א שייכות, ווי די גמרא זאגט[10]: "גלוי וידוע לפני מי שאמר והי' העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל לפיכך הקדים שקליהן לשקליו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים כו'".

דארף מען פארשטיין: וואס איז די שייכות אין אינהאלט צווישן "שקליהן" פון אידן בחודש אדר מיט "שקליו" של המן; וואס פאר א כח האבן די שקלים פון אידן צו מבטל זיין גזירת המן?

ויש לומר איינע פון די ערקלערונגען אין דעם – אז מחצית השקל און פורים ברענגען ביידע ארויס דער עצמיות'דיקער פארבונד צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, און ספעציעל – מיט א אידישן גוף און אידישע גשמיות.

ג. וועט מען עס פארשטיין בהקדמה דער ביאור אין דעם אינהאלט פון גזירת המן און נס פורים:

ס'איז באוואוסט דער אונטערשייד צווישן פורים און חנוכה, אז די גזירה פון די יוונים איז געווען ניט אויף די גופים פון אידן, נאר אויף זייערע נשמות און רוחניות – "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך"[11], משא"כ גזירת המן הרשע איז געווען (בעיקר) אויף די גופים פון אידן, "להשמיד[12] להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים"[13].

וואס דערפאר איז אויך דער אונטערשייד, אז די גזירה פון די יוונים איז ניט געווען אויף אלע אידן גלייך, ווארום די גזירה

---

1) אסתר ט, כב. ובירושלמי (מגילה פ"א ה"א. שו"ע או"ח סתרפ"ח ס"ז): כל החודש כשר לקריאת המגילה כו' והחודש אשר נהפך להם כו' (וברמ"א או"ח שם: והכי נהוג). אלא שבנוגע למקרא מגילה בלבד ולא יעבור ט"ו בו. וראה לקו"ש חי"א ע' 342 בהערה ד"ה מחרת יום הפורים. 2) מלבד כשר"ח אדר חל להיות בשבת קורין אז בפרשת שקלים – משנה וגמרא מגילה כט, א ואילך. רמב"ם הל' תפלה פי"ג הכ"ג. טושו"ע או"ח סתרפ"ה ס"א. וראה בכ"ז אנציקלופדי' תלמודית (כרך ב) ערך ארבע פרשיות ע' קסד ואילך. וש"נ. 3) ראה שקלים רפ"ד. רמב"ם הל' שקלים רפ"ד. 4) שקלים פ"א מ"א. מגילה שם סע"א. רמב"ם שם פ"א ה"ט. 5) חינוך מצוה קה. 6) שקלים פ"ח מ"ח. רמב"ם שם ה"ח. 7) אשר תורה היא – ראה תוד"ה נפסל-מנחות כ, ב. מהרי"ל הובא ברמ"א יו"ד סשע"ו ס"ד. ועוד. 8) רמ"א או"ח ר"ס תרצד – ממהרי"ל. 9) מג"א או"ח סרצ"ב סק"ג. שו"ע אדה"ז או"ח ס"ז. 10) מגילה יג, סע"ב. 11) ב"ועל הנסים" דחנוכה. וראה הנסמן בהערה 13. 12) אסתר ג, יג. 13) ראה לבוש הובא בב"ח וט"ז או"ח ר"ס תרע: בפורים הי' הצלת נפשות ובחנוכה לא הי' הצלת נפשות כי היונים לא בקשו נפשות רק ההכנעה והעברת הדת. וראה סה"מ תרפ"א ע' קצא. תש"ח ע' 118.

*ס"א*

. . ער בענטשט חודש אדר, וואס זיין ~~*כלליות*~~ **יום טוב**'דיקער אינהאלט איז – חג הפורים . .

. . ולהוסיף, אז אויך ~~דער~~ **- מעין** עצם ענין פון נתינת מחצית השקל איז פאראן בזמן הזה (אע"פ וואס דער ציווי איז ~~בעיקר~~ בזמן שבית המקדש הי' קיים) . .

. . אז פון שבת גייט מען גלייך אריין אין **(**מוצאי שבת**)** – ראש חודש אדר . .

. . זאגט מען אין דער הפטרה **<u>פון שבת</u>** די **(**צוויי**)** פסוקים פון הפטרת מחר חודש. באווייזט עס, אז שוין אין דעם שבת פ' שקלים, הויב~~ט~~**ן** זיך אן ~~ראש~~ **עניני** חודש אדר . .

*ס"ב*

. . דארף מען פארשטיין: וואס איז די שייכות <u>אין אינהאלט</u> צווישן "שקליהן" פון אידן בחודש אדר **און יעדן יאר** מיט "שקליו" של המן; ~~וואס פאר א~~ **און אין וואס באשטייט דער** כח ~~האבן~~ **פון** די שקלים פון אידן צו מבטל זיין גזירת המן? . .

. . ויש לומר איינע~~ר~~ פון די ערקלערונגען אין דעם – אז מחצית השקל און פורים ברענגען ביידע ארויס ~~דער עצמיות'דיקער~~ **דעם פנימיות'דיקען** פארבונד צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, און ספעציעל – מיט ~~א~~ **כביכול דעם** אידישן גוף און אידישע גשמיות . .

עמוד 2

איז ניט געווען אויף די גופים, נאר אויף זייער דת, האט זיך דאס געמאסטן לויט א אידן'ס איבערגעגעבנקייט צו "תורתך" און "~~מצוות~~ רצונך", משא"כ גזירת המן איז געווען אויף אלע אידן גלייך, "כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים", ווארום דאס איז געווען בכדי מאבד זיין זייערע גופים, זייער עצם עקזיסטענץ אלס אידן ר"ל (ניט קוקנדיק אויף די דרגא פון גילוי הנשמה), וואס אין דעם זיינען אלע אידן גלייך.

און דעריבער איז די עצה אויף אראפנעמען די גזירה געווען – "לך כנוס את כל היהודים"[14], פאראייניקן אידן, און ניט נאר א גייסטיקע פאראייניקונג ברוחניות, נאר אויך ובעיקר – א גשמיות'דיקע פאראייניקונג פון די גופים, מ'זאל זיך צוזאמענקלייבן בפשטות, און פארשטארקן פון-דאס-ניי קבלת התורה והמצוות אלס נשמות בגופים דוקא.

ד.ה. אז דער תוכן פון פורים איז – דער הצלה און נצחון פון דעם גוף פון א אידן, און פון אלע אידן.

און דערפאר טיילט זיך אויס פורים פון חנוכה דערמיט וואס ער איז א "יום משתה ושמחה"[15] – א סעודה ושמחה גשמיות[16], וואס איז אויך פארבונדן מיט אן אחדות בגשמיות, ווי באוואוסט אז אן אמת'ע שמחה איז דוקא בשעת מ'פראוועט איר צוזאמען מיט אנדערע[17]. און אזוי אויך די אנדערע מצוות פון פורים זיינען פארבונדן ספעציעל מיט אחדות דורך דברים גשמיים – "משלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים"[18].

ג. ויש לומר בדרך אפשר דעם טעם אויף דעם (וואס פורים באדייט דער הצלה און נצחון פון די גופים פון אידן) – לויט דעם וואס די גמרא[19] זאגט אויפן פסוק[20] "קיימו וקבלו היהודים", אז בימי הפורים "קיימו מה שקבלו כבר" בא מתן תורה:

דער אויפטו פון מתן תורה איז געווען, נתינת התורה דוקא למטה אין עולם הזה הגשמי צו נשמות בגופים[21], און ניט אין אן אופן אז מ'האט אויפגעהויבן דעם תחתון וגוף גשמי למעלה[22], נאר "וירד ה' על הר סיני"[23], אראפגעבראכט תורה דוקא למטה[22]. ביז אין אן אופן – אז תורה "לא בשמים היא"[24], נאר בארץ למטה, און דערפאר "כשמתכנסין מלאכי השרת לפני הקב"ה לומר אימתי ר"ה ואימתי יום הכפורים הקב"ה אומר להם לי אתם שואלים? אני ואתם נלך אצל בית דין של מטה"[25]. און ווי חז"ל זאגן, "קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא ומתיבתא דקוב"ה כו', מאן נוכח, נוכח רבה בר נחמני", א נשמה בגוף דוקא[26].

און מתן תורה האט ארויסגעבראכט די תכלית הכוונה פון דעם אויבערשטן אין באשאפן די וועלט – בכדי אז א איד אלס א נשמה בגוף דא למטה בעוה"ז הגשמי התחתון שאין תחתון למטה ממנו, זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, און מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים.

ובעומק יותר:

בא מתן תורה איז געווען די בחירה פון דעם אויבערשטן אין אידן[27]. וואס די בחירה ~~איז געווען (ניט אין דער נשמה, נאר)~~ דוקא אין דעם גוף הגשמי פון אידן, "ובנו בחרת מכל עם ולשון"[28]

14) אסתר ד, טז. וראה מנות הלוי (לר"ש אלקבץ) עה"פ. 15) אסתר ט, יז-יח. 16) ראה רמב"ם הל' מגילה פ"ב הט"ו. לבוש או"ח סתרצ"ה ס"א. שו"ע או"ח שם ובנ"כ. וראה לקו"ש חי"א ע' 36 ובהערות שם. 17) ראה רמב"ם הל' יו"ט פ"ו ה"ח. שו"ע אדה"ז או"ח סתקכ"ט סי"א. וראה בנדו"ד – סדר היום (סדר פורים) הובא בא"ר או"ח סתרצ"ה ס"ק ד ובפמ"ג אשל אברהם או"ח שם ס"ק ה): יקבץ כל אנשי ביתו וחביריו דכי אדם יושב גלמוד יחיד אי אפשר לשמוח כראוי. וראה פרש"י אסתר עה"פ (ט, כח) משפחה ומשפחה: מתאספין יחד ואוכלים ושותין יחד. 18) אסתר ט, כב. וראה מנות הלוי למגילת אסתר. של"ה שכט, א. מגילת סתרים עה"פ אסתר שם, יט. וראה בכ"ז גם לקו"ש חכ"ב ע' 257. ובכ"מ. 19) שבת פח, א. וראה תו"א מג"א צו, ג ואילך. שערי אורה ד"ה וקבל היהודים (פט, ב ואילך). אוה"ת מג"א ע' ב'שמח ואילך. ב'שסב ואילך. סה"מ תרע"ח ע' קצו ואילך. ועוד. 20) אסתר ט, כז. 21) כתשובת משה להמלאכים למה ניתנה תורה למטה – "למצרים ירדתם כו' משא ומתן יש ביניכם כו' ~~אב ואם יש לכם כו'~~ יצר הרע יש ביניכם" (שבת פח, סע"ב ואילך. וראה בהנסמן בהערה הבאה). 22) ראה סה"מ תרנ"ה ע' קפח. ה'ש"ת ע' 114. ובכ"מ. 23) יתרו יט, כ. 24) נצבים ל, יב. ב"מ נט, ב. רמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ט. 25) דב"ר פ"ב, יד. וראה שמו"ר פט"ו, ב. ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג. ועוד. 26) ולדעת הרמב"ם (הל' טומאת צרעת ספ"ב) שפוסק ~~כתנא קמא "י"ל~~ דכאן דבשעת יציאת נשמה הוא דאמר הכי הוי בכלל לא בשמים היא" – כסף משנה לרמב"ם שם. וראה לקו"ת ד"ה קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא – תזריע כד, ד. מאמרי אדה"ז הנחות הר"פ ע' קנו. לקו"ש חי"ב ע' 68. 27) ראה מג"א או"ח סי' ס סק"ב. שו"ע אדה"ז שם סעיף ד. 28) ברכת ק"ש.

*ס״ג*

. . מ׳זאל זיך צוזאמענקלייבן בפשטות, **און וצומו - דער גוף זאל ניט עסן, מיעוט חלבו ודמו** און פארשטארקן פון-דאס-ניי . .

*ס״ג*

. . דער אויפטו פון מתן תורה איז געווען, **(חאטש אברהם זקן ויושב בישיבה, און אזוי אויך יצחק ויעקב וכו׳)** נתינת התורה דוקא למטה . .

. . נאר **דער אויבערשטער האט געוואלט דוקא** ״וירד ה׳ על הר סיני״ . .

. . אז תורה ״לא בשמים היא״, נאר ~~בלויז~~ למטה . .

. . כשמתכנסין מלאכי השרת לפני הקב״ה לומר אימתי ר״ה ואימתי יום הכפורים הקב״ה אומר להם לי אתם שואלים? . .

. . קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא ומתיבתא דקוב״ה כו׳, מאן נוכח, **(פסקנען ביידע מתיבתות)** נוכח רבה בר נחמני . .

. . ~~און~~ מתן תורה האט ארויסגעבראכט די תכלית הכוונה . .

. . וואס די בחירה ~~איז געווען (ניט אין דער נשמה,~~ **האט מען כלל ניט געדאַרפט בנוגע נשמות פון אידן -** נאר) דוקא ~~אין~~ **בנוגע** דעם גוף הגשמי פון אידן . .

---

16) . . וראה **בהמצויין לעיל הערה 12.** לקו״ש חי״א . .

21) כתשובת משה להמלאכים **(שהקב״ה ציווהו שהוא דוקא יענה)** למה ניתנה תורה למטה – ״למצרים ירדתם כו׳ משא ומתן יש ביניכם כו׳ ~~אב ואם יש לכם כו׳~~ יצר הרע יש ביניכם״ (שבת פח, סע״ב ואילך. וראה בהנסמן בהערה הבאה).

26) . . שפוסק ~~כתנא קמא - ״יל, דכאן~~ **דלא כרבה בן נחמני - ״דכאן** דבשעת יציאת נשמה הוא דאמר הכי הוי בכלל לא בשמים היא״ . .

עמוד 3

הוא הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם"[29].

כמבואר בכמה מקומות[30], אז דוקא דער גוף פון א אידן, וואס בו בחר הקב"ה, נעמט זיך און איז פארבונדן דוקא מיט עצמותו ית', וואס "מציאותו הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזה עילה שקדמה לו ח"ו"[31], משא"ב די נשמה איז שייך (בעיקר) צו בחי' אור וגילוי[32].

וואס מצד די בחירה אין א גוף הגשמי – זיינען אלע אידן גלייך: בנוגע צו דער גילוי פון דער נשמה אין גוף – טיילן זיך אידן, איינער קען זיין א צדיק גמור, א צווייטער א צדיק שאינו גמור וכו'. משא"כ בנוגע צו בחירת עצמותו ית' אין דעם גוף הגשמי ("הנדמה בחומריותו לגופי כו'") – זיינען אלע אידן גלייך ממש, פון א תינוק שנולד ביז א גדול שבגדולים, ומאחז"ל[33] "בין כך ובין כך אתם קרויים בנים".

און צוליב די בחירה אין דעם גוף הגשמי פון אידן – האט דער אויבערשטער געגעבן אידן תורה ומצוות (בא מתן תורה) – כידוע דער סיפור מיט דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע[34], אז ער האט אמאל פארקאטשעט דעם ארבעל און געוויזן זיין האנט צו זיין זון, כ"ק מו"ח אדמו"ר, און געזאגט: זע ווי טייער א אידישער גוף איז, אז צוליב אים האט מען אויסגעגאסען אזויפיל תורה ומצוות"[35].

און בימי הפורים, ווען "קיימו מה שקבלו כבר" בא מתן תורה, ווערט באנייט בחירת עצמותו ית' אין דעם גוף הגשמי פון א אידן.

און דערפאר איז דער עיקר אונטערשטרייכונג בימי הפורים בנוגע צו דעם נצחון פון א נשמה בגוף בעוה"ז הגשמי, וואס האט אראפגענומען גזירת המן אויף די גופים פון אידן[36].

ד. ענלעך דערצו איז דער אינהאלט פון די שקלים וואס אידן האבן געבראכט אין מדבר פאר די אדני המשכן[37], און דערנאך – פאר די קרבנות ציבור:

מ'האט געגעבן מחצית השקל בכדי אויפטאן "לכפר על נפשותיכם"[38], פאר "כל העובר על הפקודים"[39], עובר על פקודי דאורייתא[40]. ווי חז"ל[41] זאגן, אז מחצית השקל איז געווען א כפרה אויפן חטא העגל.

דער גאנצער ענין פון "עובר על הפקודים" (על פקודי דאורייתא) איז שייך נאר ביי א נשמה בגוף גשמי וחומרי (ניט ביי א נשמה למעלה), און דאס רירט אן און איז פוגם אין דעם גוף הגשמי.

על אחת כמה וכמה דער חטא העגל – א חטא כללי, וואס האט אנגערירט דעם גאנצן ענין פון מתן תורה (לנשמות בגופים דוקא, כנ"ל), און די מקבלי התורה (נשמות בגופים) – כדברי חז"ל, אז בא מתן תורה "פסקה זוהמתן"[42], און דורך דעם חטא העגל חזרה זוהמתן[43], די זוהמא אין גופי בני אדם וואס איז געקומען דורך דעם חטא עץ הדעת[44].

ד.ה. אז דער חטא העגל האט פוגם געווען אין דער גילוי פון בחירת עצמותו ית' אין דעם גוף הגשמי פון אידן.

ועד כדי כך, אז דאס האט אנגערירט אלע אידן אן אויסנאם[45], פון א גדול שבגדולים ביז א קטן שבקטנים, פון אן "עשיר", ביז א "דל", כולל – אין עני אלא בדעת ואין עשיר אלא בדעת[46], און ניט נאר בדור ההוא, נאר בכל הדורות עד סוף כל הדורות – כמ"ש[47] "וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם" – "ותמיד תמיד כשאפקוד עליהם עונותיהם ופקדתי עליהם מן העון הזה עם שאר העונות, ואין פורענות באה על ישראל שאין בה קצת מפרעון עון העגל"[48]. וואס

---

29) תניא פמ"ט (סט, סע"ב ואילך). 30) ראה ספר השיחות תורת שלום ע' 11. 120. 122. שיחת פורים תער"ב הועתק במכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (אגרות קודש שלו ח"ג ס"ע תקנו ואילך). ועוד. 31) אגה"ק ס"כ (קל, סע"א ואילך). 32) בכ"ז – ראה לקו"ש חי"ח ע' 405 ובהערות שם. חכ"א ע' 219 ובהערות שם. 33) רות רבה פתיחתא ג. 34) ראה גם לקו"ש ח"ו ע' 325. חט"ז ע' 585. 35) וידוע גם פתגם אדה"ז: מען האט גאר קיין השגה ניט, ווי עס איז טייער בא השי"ת דער גוף פון א אידן ("היום יום" כט אלול). 36) ובעומק יותר י"ל – שעיקר התנגדות וגזירת המן היתה על בחירת עצמותו ית' בהגוף ונתינת התורה לנשמות בגופים דוקא; וזה הביא ל"קיימו (חיזוק חדש) מה שקבלו כבר" במ"ת לנשמות בגופים. 37) מגילה כט, ב. פרש"י תשא ל, טו. 38) תשא שם. 39) שם, יד. 40) אור החיים תשא ל, יג בשם הזהר הובא בסה"מ תרנ"ח ע' קמו. תרס"ה ע' קפט. פר"ת רסג. ועוד. 41) ירושלמי שקלים פ"ב סוף ה"ג. תנחומא תשא י–יא. ועוד. 42) שבת קנו, א. זח"א נב, ב. קכו, ב. ח"ב קצג, סע"ב. 43) זהר שם. וראה תניא ספל"ו. 44) ראה מקומות שבהערה 42. 45) וצ"ע אם כן הוא בנוגע משה רבינו שהי' בהר בשעת חטא העגל. 46) ראה נדרים מא, א. 47) תשא לב, לד ובפרש"י (מסנהדרין קב, א). 48) ומשום חומר חטא העגל – "תמה משה" (תוד"ה זאת – חולין מב, סע"א) כששמע שמחצית השקל יכפר על חטא זה (ראה לקו"ש ח"ג ס"ע 923 ואילך).

. . הוא הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם . .

. . ~~כמ~~ **ובפרט ע״פ המ**בואר בכמה מקומות, אז דוקא דער גוף פון א אידן, וואס בו בחר הקב״ה, נעמט זיך און איז פארבונדן דוקא מיט **(כביכול)** עצמותו יתי, וואס ״מציאותו[31] הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזה עילה שקדמה לו ח״ו~~[31], משא״כ די נשמה איז שייך (בעיקר) צו בחי׳ אור וגילוי~~ . .

. . וואס מצד ~~די~~ **דער** בחירה אין דעם גוף הגשמי . .

. . איינער ~~קען זיין~~ **איז** א צדיק גמור, א צווייטער א צדיק שאינו גמור וכו׳ . .

. . ~~וכ~~ **וע״ד** מאחז״ל ״בין כך ובין כך אתם קרויים בנים״ . .

. . און צוליב ~~די~~ **דער** בחירה אין דעם גוף הגשמי פון אידן – האט דער אויבערשטער געגעבן אידן תורה ומצוות **למטה בארץ** (בא מתן תורה) – כידוע[*33] דער סיפור ~~מיט~~ **וועגן** דער רבי׳ן (מהורש״ב) נ״ע, אז ער האט אמאל פארקאטשעט דעם ארבעל[*34] און געוויזן **אויף** זיין האנט צו זיין זון, כ״ק מו״ח אדמו״ר, און געזאגט: זע ווי טייער א אידישער גוף איז, אז צוליב אים האט מען אויסגעגאסען אזויפיל תורה ומצוות . .

. . ~~און~~ **וי״ל אז** דערפאר איז דער עיקר אונטערשטרייכונג בימי הפורים . .

. . וואס האט ~~אראפגענומען~~ **מבטל געווען** גזירת המן . .

*ס״ד*

. . דער ~~גאנצער~~ ענין פון ״עובר על הפקודים״ . .

. . אז דער חטא העגל האט פוגם געווען אין דע~~ר~~**ם** גילוי . .

. . אנגערירט אלע אידן ~~אן אויסנאם~~, פון א גדול שבגדולים ביז א קטן שבקטנים . .

---

***33) היום יום . .**

***34) ~~שיראה~~ לגלות גשמיות היד**

35) וידוע ~~גם~~ פתגם אדה״ז: מען האט גאר קיין השגה ניט . .

36) . . שעיקר התנגדות וגזירת המן היתה על בחירת עצמותו יתי בהגוף **(שהוא מפוזר ומפורד בין העמים - דומה בחומריותו כו׳)** . .

עמוד 4

דאס איז דאך א געוואלד-געשריי: צוליב א חטא וועלכע מ'איז באגאנגען טויזנטער יארן צוריק – ליידן אידן כל הדורות!...

קומט דערפון אויס, אז מצות מחצית השקל באדייט דער כפרה און תיקון אויף דעם פגם וזוהמא אין גוף הגשמי (וואס איז געווארן דורכן חטא העגל).

און וויבאלד אז דער פגם פון חטא העגל האט אנגערירט די גופים פון אלע אידן גלייך, פון אן "עשיר" ביז א "דל" – דעריבער איז מצות מחצית השקל אין אן אופן אז "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט".

און נאכמער: אין מצות מחצית השקל איז אונטערשטראכן די אחדות פון אלע אידן – און אן אחדות גשמיות (דורך א מטבע גשמית) – ווארום יעדער איד ברענגט נאר א "מחצית" פון א שקל, און בכדי עס זאל ווערן א שקל שלם דארף ער אנקומען צו נאך א אידן[49].

און נאכמער: דורך די אחדות פון אידן ע"י נתינת מחצית השקל האט מען געמאכט די אדני המשכן, דער יסוד פון דעם משכן. ד.ה. אז די אחדות פון אידן האט[50] זיך אויסגעדריקט אין אויפשטעלן א משכן גשמי בעוה"ז הגשמי, "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[51] (ווי מ'גייט לייענען אין תפלת המנחה פון דעם שבת), השראת השכינה למטה בעוה"ז הגשמי[52] [און אויך דערנאך – האט מען דורך די אחדות פון אידן (ע"י מחצית השקל) געקויפט די קרבנות ציבור, וואס איז אן עבודה עיקרית אין משכן ומקדש, "בית...מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות"[53]].

ה. דערמיט איז פארשטאנדיק פארוואס די שקלים פון אידן האבן מבטל געווען (די שקלים פון) גזירת המן – ווייל דער אינהאלט פון נתינת מחצית השקל איז דער כפרה און תיקון אויף א פגם אין גילוי בחירת עצמותו ית' אין דעם גוף הגשמי פון אידן וואס האט זיך אויפגעטאן בא מתן תורה; וואס דאס האט דערנאך געגעבן דעם כח צו זיך מתגבר זיין אויף גזירת המן אויף די גופים פון אידן, ביז אז עס זאל זיין "קיימו מה שקבלו כבר", א באנייאונג אין בחירת עצמותו ית' אין דעם גוף הגשמי פון אידן.

און אזוי אויך די גשמיות'דיקע אחדות צווישן אידן, "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט", בא מחצית השקל – האט געגעבן כח צו מבטל זיין גזירת המן, דורך "כנוס את כל היהודים", די גשמיות'דיקע אחדות בימי הפורים.

ו. לויט דעם אויבנדערמאנטן ביאור – קען מען אויך מבאר זיין א שייכות צווישן די צוויי ענינים אין שבת מברכים אדר (פ' שקלים און פורים) מיט פרשת השבוע – פ' משפטים[54].

אויף "ואלה משפטים" זאגט רש"י "מה ראשונים מסיני אף אלו מסיני". ד.ה. אז די "משפטים" זיינען געגעבן געווארן בא מתן תורה צו נשמות בגופים דוקא. ווי מ'זעט בפשטות דער תוכן פון די "משפטים" אין די פרשה – אז זיי רעדן אלע וועגן די הנהגה בגשמיות העולם.

עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס דער ערשטער פון די "משפטים" איז – "כי[55] תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ~~ובשנה~~ השביעית יצא לחפשי חנם".

וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: דער מצוה פון עבד עברי איז א דבר בלתי רגיל כלל: דוקא בזמן הבית[*55], און דעמולט

---

49) וענין זה הוא ענין הכי עיקרי במחצית השקל, עד כדי כך, שהדין הוא ש"אינו נותנו (מחצית השקל) בפעמים רבות היום מעט ולמחר מעט אלא נותנו כולו כאחת בפעם אחת" (רמב"ם ריש הל' שקלים. וראה לקו"ש חט"ז ע' 384 וש"נ), אף שבכלל "זריזין מקדימין למצוות" (פסחים ד, א). וראה אגה"ק סכ"א (ע"ד גודל ענין הזריזות בענין הצדקה, ש"זריזותי' דאברהם אבינו ע"ה היא העומדת לעד לנו ולבנינו עד עולם כי העקדה עצמה אינ נחשבת כ"כ לנסיון גדול לערך מעלת א"א ע"ה. ~~והרי כמה וכמה קדושים שמסרו נפשם על קדושת ה' כו'~~", ובהמשך האגה"ק שם: אך גם זאת מצאנו ראינו בעבודת הצדקה מעלה פרטיות גדולה אין ערוך אלי' להיות מעשה הצדקה נעשית בפעמים רבות וכל המרבה ה"ז משובח ולא בפעם א'...כמ"ש הרמב"ם ז"ל בפירוש המשנה ששנו חכמים ז"ל והכל לפי רוב המעשה (נת' באוה"ת על מארז"ל ע' מא ואילך). 50) נוסף לזה ש"ברכנו אבינו" נעשה ע"י "כולנו כאחד" (ברכת "שים שלום" בסוף תפילת העמידה. וראה תניא פרק לב) ~~שיכול להיות ברכה ברוחניות~~. 51) תרומה כח, ה. 52) ראה במדב"ר פי"ג, ב. פי"ב, ו. לקו"ת צו י, ד. רד"ה באתי לגני ה'שי"ת. 53) רמב"ם הל' ביהב"ח בתחלתן. סהמ"צ שורש יב. מ"ע כ. 54) כתורת אדה"ז "מען בעדארף לעבן מיט דער צייט, מיט פרשת השבוע" (ס' השיחות תש"ב ע' 29. "היום יום" ב' חשון). 55) פרשתנו כא, ב. *55) קידושין סט, א. רמב"ם הל' עבדים פ"א ה"י.

. . קומט דערפון **ארויס**, אז מצות מחצית השקל באדייט ~~דער~~ **בעיקר די** כפרה און תיקון . .

. . אנגערירט די גופים פון אלע אידן ~~גלייך~~, פון אן "עשיר" ביז א "דל" . .

. . וואס איז ~~אך~~ **די** עבודה עיקרית אין משכן ומקדש . .

*ס"ה*

. . דערמיט, ***י"ל***, איז פארשטאנדיק . .

. . כפרה און תיקון אויף א פגם **ח"ו**, ***כביכול*** אין גילוי . .

. . מתגבר זיין אויף גזירת המן אויף די גופים פון אידן, **(ועד"ז דזרעו של המן "שבכל דור כו' והקב"ה מצילנו מידם"*)** ביז אז עס זאל זיין "קיימו מה שקבלו כבר", א ~~באנייאונג~~ **פארשטארקונג נאכמער** אין בחירת עצמותו ית' . .

. . דורך "כנוס את כל היהודים", די גשמיות'דיקע אחדות **ובהדגשה** בימי פורים . .

*ס"ו*

. . ד.ה. אז די "משפטים" זיינען געגעבן געווארן בא מתן תורה **ד.ה.** צו נשמות בגופים דוקא . .

. . עפ"ז **י"ל** וועט מען אויך פארשטיין . .

---

***) הגדה . .**

49) . . וראה אגה"ק סכ"א **בשלילת הענין לחכות בצדקה "~~הקצוב לערך~~ שהתנדבו לתת מדי שנה בשנה" לתתה "מדי שבת בשבתו ולפחות מדי חודש" - היינו דוקא בי"ב (נ"ד) פעמים! ובכלל** ע"ד גודל ענין הזריזות בענין הצדקה . .

. . העקדה עצמה אינה נחשבת כ"כ לנסיון גדול לערך מעלת א"א ע"ה ~~. . . והרי כמה וכמה קדושים שמסרו נפשם על קדושת~~ ה' כו' . . *[על תיבת "ה" לא סימן קו-מחיקה, אלא סימן בעיגול להוציא]*

. . להיות מעשה הצדקה נעשית בפעמים רבות וכל המרבה ה"ז משובח ולא בפעם א' . .

50) . . וראה תניא פרק לב)~~, שיכול להיות ברכה ברוחניות~~.

עמוד 5

גופא – רעדט זיך עס וועגן א גנב (א מיעוט צווישן בני ישראל, וואס כל ישראל זיינען בחזקת כשרות[56]), און א גנב שנמכר בגניבתו ע"י בית-דין[57]. ווערט די שאלה: פארוואס הויבט אן די תורה מיט א מצוה בלתי רגילה, – און ניט מיט אנדערע מצוות אין דער פרשה וואס זיינען שלא בערך מער רגיל?

ויש לומר הביאור – ווייל דוקא די מצוה ברענגט ארויס דעם תוכן און תכלית פון אלע "משפטים" – ווי עס דארף זיין די הנהגה פון א גוף הגשמי פון א אידן, די טייערקייט פון דעם גוף הגשמי, וואס דוקא צו אים איז אפגעגעבן געווארן אלע "משפטים" און גאנץ תורה ומצוות:

צווישן אידן גופא איז אן עבד עברי אויף גאר א נידעריקע דרגא – א גנב, שנמכר בגניבתו. ד.ה. אז ביי אים הערט זיך בעיקר זיין גוף הגשמי והחומרי, און זיין נשמה שטייט בהעלם.

ובפנימיות הענינים: מצד זייער גוף ווערן אידן אנגערופן "עבד", און מצד זייער נשמה ווערן זיי אנגערופן "בן"[58].

האט מען געקענט מיינען, אז א) וואס דארף די תורה זיך פארנעמען מיט אויסטייטשן דינים וועגן לכאורה אן איינפאכער עבד עברי – בעסער וואלט געווען צו רעדן וועגן העכערע רוחניות'דיקע ענינים, ב) וויבאלד דאס רעדט זיך וועגן א גנב שנמכר בגניבתו אלס אן עבד עברי – דארף מען ניט זיין אזוי זהיר בכבודו וכו'.

זאגט אן תורה "כי תקנה עבד עברי" – די תורה רעדט דא ניט וועגן דעם עצם דין פון א גנב, און "אם אין לו ונמכר בגניבתו"; די תורה רעדט וועגן די דינים ווי מ'דארף זיך פירן אויב ("אם") מ'קויפט אן "עבד עברי": א) ניט קוקנדיק אויף דעם וואס ער איז אן עבד עברי שנמכר בגניבתו – גיט זיך אפ די תורה צו אנזאגן די דינים ווי מ'דארף זיך מיט אים פירן, און ווי דארף מען זיך מיט אים פירן – ב) מיט חסד ורחמים, "שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם"[59], "אשם בגפו יבוא בגפו יצא וגו'", "ויצאה אשתו עמו", "חייב במזונות אשתו ובניו"[60], וכו'.

ווארום דאס רעדט זיך וועגן דעם גוף הגשמי פון א אידן, וואס דוקא אין אים איז געווען די בחירה פון עצמותו ית', און דערפאר האט ער אפגעגעבן גאנץ תומ"צ, און אין די בחירה איז ניט שייך קיינע שינויים – דאס איז גלייך ביי אלע אידן, ניט קוקנדיק צי זיין נשמה שטייט בגלוי אדער ניט.

און די טייערקייט פון א אידישן גוף זעט מען בגלוי דוקא ביי אן עבד עברי – וואס ביי אים שטייט דער נשמה בהעלם, און אעפ"כ זאגט אן תורה דייטלעך ווי מ'דארף זיך מיט אים פירן בחסד וברחמים.

און דאס גיט ארויס דער תוכן ותכלית פון גאנץ פ' משפטים – דער בירור וזיכוך פון דעם גוף הגשמי וואס צוליב דעם איז געגעבן געווארן תורה ומצוות.

ז. דערפון האט מען א לימוד נפלא אין די געוואלדיקע טייערקייט פון א אידישער גוף, און פון יעדער אידישער גוף אן אויסנאם, וואס צוליב אים האט מען געגאסן אזויפיל תורה ומצוות (בלשון פון דעם רבי'ן נ"ע כנ"ל).

וואס דאס לערנט יעדערן, אז ניט קוקנדיק אויף זיין אייגענעם חיצוניות, אדער די חיצוניות פון א צווייטן אידן, ניט קוקנדיק צי ער איז א צדיק גמור ביי וועמען עס לייכט די נשמה בגלוי אדער ניט – האט יעדער איד אן אויסנאם, פון א תינוק שנולד ביז א צדיק גמור, א גוף אין וועלכען דער אויבערשטער אליין האט בוחר געווען בבחירתו החפשית.

און נאכמער: די בחירה אין גוף ווירקט אויף דעם אידן[61].

---

56) רמב"ם הל' קידוש החודש פ"ב ה"ב. 57) פרש"י פרשתנו שם. 58) ראה אוה"ת פרשתנו ע' א'קלט-מ. המשך תרס"ו ע' קנז. ע' שט ואילך. 59) פרשתנו שם. 60) שם, ג ובפרש"י. 61) ועפ"ז יש לבאר מ"ש אדה"ז בתניא (פכ"ו) "ונודע לכל פי' האר"י ז"ל על פסוק זה" ("תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה וגו'") – דלכאורה אינו מובן: נראה בפועל שישנם כו"כ שלא נודע להם "פי' האר"י ז"ל על פסוק זה", ויתירה מזה: לא נודע להם בכלל אודות האריז"ל (ואודות אדה"ז)?! ובפרט שאדה"ז מדגיש כאן תואר הנפלא "האר"י ז"ל" (ר"ת "האלקי אדוננו רבינו יצחק זכרונו לברכה"), ולא "רבינו יצחק לוריא" וכיו"ב. ויש לומר: מצד הגוף גשמי (שבו בחר הקב"ה) "נודע לכל פי' האר"י ז"ל על פסוק זה", אף שאצל כמה אי"ז בגילוי (לע"ע) בידיעת הנשמה המלובשת בגוף. ויש מעין דוגמא לזה – מדברי חז"ל (מגילה ג, א. וש"נ) דאע"ג דאינהו לא חזו מזלייהו חזו, ומשום זה נפלה עליהם חרדה גדולה על הגוף הגשמי, אפילו של חגי מלאכי וזכרי', שנשמותיהם היו נעלות ביותר.

. . רעדט זיך עס ווען א גנב (א מיעוט **דמיעוטה (שאפילו ר"מ אינו חושש לזה -** ) צווישן בני ישראל, וואס כל ישראל זיינען בחזקת כשרות), און א גנב שנמכר בגניבתו ע"י בית-דין **און דערנאך "אין לו"**. ווערט די שאלה: פארוואס הויבט אן די תורה מיט א מצוה בלתי רגילה **כלל וכלל וקשורה בחטא וכו'** – און ניט מיט אנדערע מצוות אין דער **זעלבער** פרשה וואס **וועלכע** זיינען שלא בערך מער רגיל? . .

. . דוקא די מצוה ברענגט ארויס דעם תוכן און תכלית פון אלע משפטים . .

. . * ווי עס דארף זיין די הנהגה פון א גוף הגשמי פון א אידן . . *[הציון "*" פירושו סימון להתחלת פיסקא בפ"ע]*

. . דוקא צו אים איז **זיינען** אפגעגעבן געווארן אלע "משפטים" און גאנץ תורה ומצוות . .

. . וואס דארף די תורה זיך פארנעמען **לכל לראש** מיט אויסטייטשן דינים וועגן לכאורה אן "איינפאכען" **וכו'** עבד עברי – בעסער וואלט געווען צו **אנהייבן און** רעדן וועגן העכערע **ובכלל -** רוחניות'דיקע ענינים . .

. . וויבאלד דאס רעדט זיך וועגן א גנב שנמכר בגניבתו אלס **געמאכט פון אן אידן - פון** אן עבד עברי – דארף מען ניט זיין אזוי זהיר בכבודו וכו' . .

. . די תורה רעדט דא ניט וועגן דעם עצם דין פון א גנב, ~~און "אם אין לו ונמכר בגניבתו"; די תורה רעדט~~ **נאר** וועגן די דינים ווי מ'דארף זיך פירן אויב ("אם") מי **מ'האט שוין געקויפט** אן "עבד עברי" . .

. . ~~ווארום~~ **וויבאלד** דאס רעדט זיך וועגן דעם גוף הגשמי פון א אידן . .

. . די טייערקייט פון א אידישן גוף זעט מען **מער** בגלוי דוקא ביי אן עבד עברי . .

. . זאגט אן תורה דייטלעך ווי מ'דארף זיך מיט אים פירן . .

. . גיט ארויס דער תוכן ותכלית פון גאנץ פי משפטים . .

*ס"ז*

. . פון יעדער אידישען גוף אן אויסנאם . .

. . ניט קוקנדיק אויף זיין אייגענעם חיצוניות . .

. . פון א תינוק שנולד ביז א צדיק גמור* . .

. . א גוף אין וועלכען דער אויבערשטער אליין האט בוחר געווען . .

. . די בחירה אין גוף ווירקט **ופועל** אויף דעם אידן . .

---

***) כדמוכח ג"כ מפס"ד והלכות פקו"נ.**

61) . . ובפרט שאדה"ז ~~מדגיש כאן~~ **מביא** תואר הנפלא "האר"י ז"ל" (ר"ת "האלקי אדוננו רבינו יצחק זכרונו לברכה"), ~~ולא "רבינו יצחק לוריא" וכיו"ב~~ . .

. . נפלה עליהם חרדה גדולה על הגוף הגשמי, ~~אפילו~~ **אע"פ שנשמותיהם** של חגי מלאכי וזכרי', שנשמותיהם היו נעלות ביותר, **לא חזו.**

עמוד 6

ביז אז דאס ברענגט אז ער זאל מגלה זיין די בחירה אין זיין גוף, דורך גילוי הנשמה, דורך תורה ומצוות.

ויש לקשר זה אויך מיטן שיעור רמב"ם פון דעם מוצאי שבת (ראש חודש אדר): "לעולם[62] יעסוק אדם בתורה (ומצוות[63]) אפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה":

אין דער הלכה זיינען אונטערשטראכן צוויי זאכן:

א) "לעולם יעסוק אדם בתורה אפילו שלא לשמה", ד.ה. אפילו ווען ער האלט נאך בא "שלא לשמה" (און מ'איז ~~זיכער אז~~ ס'וועט נעמען נאך א משך זמן ביז ער וועט צוקומען צו "לשמה"), ווי קטנים[64] – דארף ער זיך אויך עוסק זיין בתורה ומצוות – ווארום דאס רעדט זיך וועגן א איד, וועלכער האט א גוף גשמי, א גוף קדוש, אין וועלכער דער אויבערשטער האט בוחר געווען, אפילו אויב זיין נשמה לייכט נאך ניט בגלוי, און די נשמה וכוונה לשמה פון דער מצוה לייכט נאך ניט בגלוי.

און נאכמער: ב) "שמתוך שלא לשמה בא לשמה": וויבאלד אז זיין עצם איז אלעמאל גאנץ, ווי דער רמב"ם פסק'נט[65] אז יעדער איד "רוצה להיות מישראל ~~ורוצה~~ הוא לעשות כל המצות כו'" – ברענגט עס סוף סוף צו עבודה "לשמה". ובפרט לויט דעם פירוש אין "מתוך שלא לשמה בא לשמה" – אז דער "תוך" און פנימיות פון "שלא לשמה" איז "לשמה"[66].

און דעריבער, בשעת מ'טרעפט א אידן וואס אויף אים זעט אויס אז ער איז נאך ניט שייך צו קיום המצוות בתכלית ההידור, אדער ער איז גאר א תינוק שנשבה בין העכו"ם, וואס ווייסט בכלל נאך ניט וועגן אל"ף-בי"ת פון אידישקייט – טאר מען זיך ניט מייאש זיין פון אים און ניט פון קיין אידן ח"ו.

נאר מ'דארף זיך מיט אים פארנעמען מיטן גאנצן שטורעם ~~ושמחה~~ בכדי ביי אים מגלה זיין די טייערקייט פון זיין גוף הגשמי דורך מגלה זיין ביי אים זיין נשמה דורך לימוד התורה וקיום המצוות.

ח. ובנוגע לפועל:

שטייענדיק בשבת מברכים חודש אדר, וואס זיין תוכן כללי איז חג הפורים, און פ' שקלים, און פ' משפטים – האט מען אן אנווייזונג און נתינת כח, צו זיך אריינטראכטן אין די טייערקייט פון יעדער איד, "מנער ועד זקן טף ונשים", על מנת אז דאס זאל אים ברענגען צו ~~זיך משתדל זיין~~ משפיע זיין אויף די אידן, זיי זאלן זיך שטארקן אין לימוד התורה און קיום המצוות.

כולל ובמיוחד – די פארשלאג און בקשה כפולה וועגן וועלכע מ'האט געשריבן אין די בריוו[67], סיי אין דעם כללות'דיקן אלגעמיינעם בריוו, און סיי אין דעם בריוו צו די קינדער – אז מ'זאל באשטימען דעם קומענדיקן יאר אלס א זמן געווידמעט ספעציעל צו מאכן ~~פון~~ יעדע אידישע היים, ~~צימער~~ – א "מקדש מעט"[68], א בית תורה, תפלה וגמילות חסדים,

און ספעציעל – דורך דעם וואס קינדער, און אויך ערוואקסענע, זאלן האבן אן אייגענעם סידור, חומש (אדער אן אנדער ספר של תורה), און (להדביק) צדקה-פושקע,

ווי ערקלערט אויספירלעך אין די בריוו.

און שטייענדיק אויף דעם שוועל פון ~~אריינגיין צו~~ חודש אדר – דארף מען ~~אויך אנהויבן~~ די צוגרייטונגען צו "מבצע פורים": זען אז יעדער איד, "מנער ועד זקן טף ונשים", זאל וויסן און מקיים זיין די מצוות פון פורים: מקרא מגילה, משלוח מנות איש לרעהו, מתנות לאביונים, סעודת פורים וכו'.

כולל – דעם פנימיות'דיקן אינהאלט פון פורים – "קיימו מה שקבלו כבר" בא מתן תורה, א באנייטער חיזוק אין אלע ענינים פון תורה ומצוות, וועלכע טיילן זיך בכללות אויף "אורה ושמחה וששון ויקר"[69], "אורה זו תורה כו' ויקר אלו תפילין"[70].

ויהי רצון, אז די אלע זאכן זאלן נאכמער צואיילן דעם "מיסמך גאולה לגאולה"[71], גאולת פורים לגאולת פסח, לגאולה העתידה, ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש – נאך אין דעם שבת מברכים אדר, וועט מען בדרך ממילא פראווען פורים און פסח אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, בביהמ"ק השלישי, ומתוך שמחה וטוב לבב.

-------- * ------

62) הל' תשובה פ"י ה"ה. ועד"ז בהל' ת"ת פ"ג ה"ה. 63) פסחים ז, ב. 64) רמב"ם הל' תשובה שם. וראה שם ה"א. 65) הל' גירושין ספ"ב. 66) ראה לקו"ש ח"כ ע' 50. 67) בין יו"ד שבט וט"ו שבט. 68) ראה יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א. 69) אסתר ח, טז. 70) מגילה טז, ב. 71) שם ו, סע"ב.

6

. . ווען ער האלט נאך בא "שלא לשמה" (און ~~מ'איז זיכער אז~~ ס'וועט נעמען נאך א משך זמן ביז ער וועט צוקומען צו "לשמה") . .

. . דארף ער זיך אויך עוסק זיין בתורה ומצוות . .

. . אין וועלכער דער אויבערשטער האט בוחר געווען (אפילו אויב זיין נשמה לייכט נאך ניט ~~בגלוי~~ **בגוף** . .

. . ברענגט עס סוף סוף **זיכער** צו עבודה "לשמה" . .

*ס"ח*

. . בשבת מברכים חודש אדר, וואס זיין **יום טוב** תוכן ~~כללי~~ איז חג הפורים . .

. . צו זיך אריינטראכטן **וכדבעי***) אין די טייערקייט פון יעדער איד . .

. . משפיע זיין אויף די אידן **אז** זיי זאלן זיך שטארקן . .

. . כולל ומיוחד – ~~די~~ **דעם** פארשלאג און בקשה כפולה . .

. . חומש (אדער אן אנדערע ספר של תורה), און (להבדיל) צדקה-פושקע . . *[תחלה הי' כתוב "להדביל", ותיקן כדלעיל]*

*ס"ט*

**ט. וכפשוט:** ~~און~~ שטייענדיק אויף דעם שוועל פון חודש אדר – דארף מען ~~אויך אנהויבן~~ **טאן בהוספה ובזריזות וכדבעי אין אלע** די צוגרייטונגען צו "מבצע פורים" . .

. . די מצוות פון פורים: מקרא מגילה, משלוח מנות איש לרעהו, מתנות לאביונים, **שמחת פורים,** סעודת פורים וכו' . .

. . כולל **כפשוט** – דעם פנימיות'דיקן אינהאלט פון פורים . .

*ס"י*

**יו"ד.** ויהי רצון, אז די אלע זאכן זאלן נאכמער צואיילן דעם "מיסמך גאולה לגאולה", גאולת פורים לגאולת פסח, **דער רעדן איצט בשבת וועגן גאולת וועלכע פורים זאל זיין בסמיכות ממש** לגאולה העתידה, **וועלכע וועט זיין כימי צאתך מארץ מצרים** ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש . .

---

***) כתובות**

## פתח דבר ומענה לשאלת המניחים

בס"ד.

### פתח דבר

בזה הננו מוציאים לאור חלק משיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א בהתוועדות דש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אדר, פ' שקלים, שנה זו.

מערכת "אוצר החסידים"

תהא זו שנת משיח

ברוקלין, נ.י.

בנוגע להסיפור אודות אדמו"ר נ"ע שהראה על ידו הק' לבנו ואמר לו ע"ד יוקר גוף ישראל וכו' – לא מצאנו זה ב"היום יום". המקור היחידי לסיפור זה שמצאנו לע"ע (בדפוס) – הוא במכתבי כ"ק אדמו"ר שליט"א ("כמה פעמים שמעתי מכ"ק מו"ח אדמו"ר"), שנדפסו בלקו"ש – וצויין לזה בהשיחה כאן. [הפרט שאדמנ"ע האט פארקאטשעט דעם ארבעל – לא מצאנו מפורש במקום אחר, גם לא במכתבים הנ"ל]

ב"היום יום" כט אלול הובא פתגם אדה"ז, "מען האט גאר קיין השגה ניט, ווי עס איז טייער בא השי"ת דער גוף פון א אידן". והעתקנו זה בהערה.

באגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ס"ע תקנו ואילך הועתקה משיחת אדמו"ר נ"ע (פורים תער"ב): "אז מיא זאגט איך מיינט מען דעם גוף, דעם בשר הגשמי (ובעת אמירתו דברים אלו הראה בידו הימנית על ידו השמאלית, ותפסה בחוקה, ואמר:) אט דער בשר הגשמי איז דאס דער איך כו', וואיילע דער גוף הגשמי איז א התהוות פון עצמות אין סוף כו'". וצויין לזה כאן (בנוגע לכללות מעלת הגוף שנתהווה מעצמותו ית'). ואולי כדאי להעתיק זה גם לאחרי הציונים ללקו"ש הנ"ל (ששם נעתק הסיפור).

---

בס"ד.

בנוגע למ"ש באגה"ק רסכ"א בשלילת הענין לחכות בצדקה שהתנדבו "לתת מדי שנה בשנה" לתתה "מדי שבת בשבתו ולפחות מדי חודש" – כתב כ"ק אדמו"ר שליט"א "היינו דוקא בי"ב (נ"ד) פעמים!"

הכוונה למ"ש "בי"ב (נ"ד)" היא בפשטות – למספר החדשים ומספר השבועות, י"ב חדשים ונ"ד שבועות. אבל לכאורה: בשנה פשוטה (שנ"ג, שנ"ד או שנ"ה יום) של י"ב חודש – ישנם נו"ן שבועות ושבתות (בדיוק: נו"ן שבועות וג', ד' או ה' ימים).

לכאורה אא"פ לומר שהכוונה היא לשנה מעוברת (של שפ"ג או שפ"ד יום) – שישנה בו נ"ד שבועות (וה' או ו' ימים), (ושנה מעוברת של שפ"ה יום, יש בו נ"ה שבועות) – שהרי לפי"ז ישנם י"ג חדשים (ולא י"ב).

ולכאורה גם אאפ"ל שצ"ל "נ"ב" (שבתות) כבשנת החמה – כדאיתא במדרש (במדב"ר פי"ד,יד) "שנים וחמשים שבתות יש בשנת החמה" – שהרי אין טעם לומר שבאגה"ק מדבר בנוגע חלוקת הצדקה לפי השבתות ("מדי שבת בשבתו") שבשנת החמה ולא (נו"ן שבתות) שבשנת הלבנה. ובפרט שכ' אח"כ "ולפחות מדי חודש בחדשו", היינו י"ב חדשים של שנת הלבנה, שהן נו"ן שבועות (וכמה ימים).

(א) בתאריך הפתח-דבר, ציין:

**בדר"ח אדר** ה' תהא זו שנת משיח

ברוקלין, נ.י.

(ב) בשולי גליון הפתח-דבר, שאלו המניחים:

"בנוגע להסיפור אודות אדמו"ר נ"ע שהראה על ידו הק' לבנו ואמר לו ע"ד יוקר גוף ישראל וכו' – לא מצאנו זה ב"היום יום". המקור היחידי לסיפור זה שמצאנו לע"ע (בדפוס) – הוא במכתבי כ"ק אדמו"ר שליט"א ("כמה פעמים שמעתי מכ"ק מו"ח אדמו"ר"), שנדפסו בלקו"ש – וצויין לזה בהשיחה כאן. [הפרט שאדמנ"ע האט פארקאטשעט דעם ארבעל – לא מצאנו מפורש במקום אחר, גם לא במכתבים הנ"ל].

ב"היום יום" כט אלול הובא פתגם אדה"ז, "מען האט גאר קיין השגה ניט, ווי עס איז טייער בא השי"ת דער גוף פון א אידן". והעתקנו זה בהערה.

באגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ס"ע תקנו ואילך הועתקה משיחת אדמו"ר נ"ע (פורים תער"ב): "אז מיא זאגט איך מיינט מען דעם גוף, דעם בשר הגשמי (ובעת אמירתו דברים אלו הראה בידו הימנית על ידו השמאלית, ותפסה בחזקה, ואמר:) אט דער בשר הגשמי איז דאס דער איך כו', וואיילע דער גוף הגשמי איז א התהוות פון עצמות אין סוף כו'". וצויין לזה כאן (בנוגע לכללות מעלת הגוף שנתהווה מעצמותו ית'). ואולי כדאי להעתיק זה גם לאחרי הציונים ללקו"ש הנ"ל (ששם נעתק הסיפור)".

מענת כ"ק אדמו"ר שליט"א:

[1] על מה שכתבו: "בנוגע להסיפור אודות אדמו"ר נ"ע כו'", כתב:

**(כנראה לא הדפסתי מרשימותי – לפועל)**

**א"כ לא יוסיפו זה – עד שימצאו בהנדפס**

[2] על מה שכתבו: "ואולי כדאי להעתיק זה גם לאחרי הציונים ללקו"ש הנ"ל (ששם נעתק הסיפור)" – סימן בחץ ובעיגול את התיבות "להעתיק זה".

(ג) מענה נוסף על שאלות המניחים. במכתבם כתבו:

"בנוגע למ"ש באגה"ק רסכ"א בשלילת הענין לחכות בצדקה שהתנדבו "לתת מדי שנה בשנה" לתתה "מדי שבת בשבתו ולפחות מדי חודש" – כתב כ"ק אדמו"ר שליט"א "היינו דוקא בי"ב (נ"ד) פעמים!".

הכוונה למ"ש "בי"ב (נ"ד)" היא בפשטות – למספר החדשים ומספר השבועות, י"ב חדשים ונ"ד שבועות. אבל לכאורה: בשנה פשוטה (שנ"ג, שנ"ד או שנ"ה יום) של י"ב חודש – ישנם נו"ן שבועות ושבתות (בדיוק: נו"ן שבועות וג', ד' או ה' ימים).

לכאורה אא"פ לומר שהכוונה היא לשנה מעוברת (של שפ"ג או שפ"ד יום) – שישנה בו נ"ד שבועות (וה' או ו' ימים), (ושנה מעוברת של שפ"ה יום, יש בו נ"ה שבועות) – שהרי לפי"ז ישנם י"ג חדשים (ולא י"ב).

ולכאורה גם אאפ"ל שצ"ל "נ"ב" (שבתות) כבשנת החמה – כדאיתא במדרש (במדב"ר פי"ד, יד) "שנים וחמשים שבתות יש בשנת החמה" – שהרי אין טעם לומר שבאגה"ק מדבר בנוגע חלוקת הצדקה לפי השבתות ("מדי שבת בשבתו") שבשנת החמה ולא (נו"ן שבתות) שבשנת הלבנה. ובפרט שכ' אח"כ "ולפחות מדי חודש בחדשו", היינו י"ב חדשים של שנת הלבנה, שהן נו"ן שבועות (וכמה ימים)".

מענה כ"ק אדמו"ר שליט"א:

[1] על כללות המכתב, כתב:

**(1) לדעתם הייתי צ"ל כל האופנים האפשריים בפרטיות!! בחרתי – שתי הקצוות**

[2] על מה שכתבו: "הכוונה למ"ש "בי"ב (נ"ד)" היא בפשטות" – סימן שני קווים תחת תיבת "בפשטות".

[3] סימן בעיגול את התיבות: "נ"ה שבועות", וכתב:

**מיעוטא דמיעוטא (2)**

**יכולים כדי שיהי' גלאַט לגמרי – לכתוב נה במקום נד (3)**

[4] סימן בעיגול את התיבות "בשנת החמה", וכתב:

**?! המדובר באגה"ק בנוגע לפו"מ. (*)**

מפתח

www.Mafteiach.app

לזכות

# כ"ק אדמו"ר שליט"א